NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13057

PUKHERL UN PEKHERL

Zh. Masan

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ד״ש. באסאן.

פוכערל און פעכערל

אידיש בן־ציון סידילקאווסקי.

פאַרלאַג

1919 אדעס

אויסגאבע פון דעם אידישען דעמאקראטישען
לערער-פארבאנד.

(שול-סעקציע ביי דער קולטור-ליגע)



ו

א נעבעכלאבער שלנא.

גרויס און געדיכט איז דער אלטער וואלד. אזוי געדיכט, אז
סטײַען דיננגען זעלטן דורך צווישן זײַנע גראָבע הויכע בײמער.
אין דעם זעלבן וואלד האָבן זיך באַזעצט צוויי קראָליק
לאַך — פּיבערל, מיט זײַן ווײַב פּיבערל.
אַמאָל־צײַט האָט פּיבערל אויסגעגראָבן אין דער ערד א
קײַלעכדיקע נאָרע, צו וועלכער עס האָבן זיך געצויגן דרײַ קאָרי־

דאָרן. אינער האָט זיך אָנגעהויבן אונטער דעם גראָבן שטאם פון א קאַשטאַן בוים, דער צווייטער נעבן א גרויסן שטיין, דער דריטער אונטער א וואַכסין־שטרויך.

אז דער פרילינג איז געקומען האָט פּסכערל געבוירן דריי שיינינקע קליינינקע קראַליקלאַך. פון איר ווייכל האָט זי אביסל האָר אויסגעפליקט און דעם נעסט אויסגעבעט, כדי אירע קינדערלאַך זאָל וואַרעם זיין צו ליגן. —

פּוכערל און פּעבערל זיינען זעהר צופרידן געווען מיט זייערע קראָליקלאַך. און די מוטער האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן פון יענער גליקלאַכער מינוט, ווען אירע קינדערלאַך וועלן זיך אין אָוונט שפּילן אויפן פרייען־הויכן גראָז אנטקעגן דער זילבערנער שיין פון דער לבנה.

ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט דאָס גליק.

עס האָט זיך אין יענעם אָרט באַוויזן א בייזער פוקס. ער איז אהער געקומען, ווייל מע האָט אים פון זיין לאַנד דורכגעטריבן פאַר זיינע שלעכטע מעשים.

דער גנב האָט אויך דאָ אויסגעשמעקט פּוכערלס נאָרע און זיך אוועקגעזעצט נעבן דעם גראָבן שטיין.

— עהע! אָט דאָ וועל איך האָבן וואָס א נאַש צו טון! — האָט דער פוקס צו זיך אליין געזאָגט: — ווען איך וועל דעם אריינגאַנג אין נאָרע ברייטער מאַכן, וועט עס פאַר מיר זיין זעהר א פיינע דירה. און אויב איך וועל נאָך טיפער א גראָב טון, וועל איך אויסגראָבן קליינע קראָליקלאַך, פעטע, ווייכע און וועל מיר מאַכן א היבשע סעודה.

דער פוקס האָט אויך באַלעקט זײַן שפּיציג מאָרדעלע בײַם געדאַנק ווען דעם גוטן ביסן.

און טאָקע אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער אָנגעהויבן גראָבן די ערד, כּדי בריטער צו מאַכן דעם אַרײַנגאַנג אין נאָרע.

פֿיכערל און פֿעכערל האָבן באַלד דערפֿילט דעם אומגליק וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי.

— אוי, אַ אומגליק! האָט דער כראָליק געזאָגט צום ווײַב, — פֿאַרפֿאַלן אונזערע קלײנע קינדערלאַך! אוי, אוי, נים גוט!...

נאָר פֿעכערל האָט זיך נים פֿאַרלוירן.

— נאַרעלע, האָט זי געזאָגט, — קרעכצן און אויקען איז נאָך דערווײַל נימאָ וואָס! מים דעם וועסטו נים ראַטעווען אונזערע קינדערלאַך! לויף גיכער צו אונזערע שכנים — גוטע פֿרײַנט און בעט זיי זאָלן אונז אַרײַנלאָזן צו זיך אין שכנות.

.II

די שכנים זאָגן זיך אָפּ געבן הילף.

פֿיכערל איז אַרויס פֿון נאָרע דורכן קאָרידאָר, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן קאַשטאַנבוים, אַזוי אַז דער פֿוקס האָט אים נים באַמערקט. ער איז אַוועק צו זײַן אַלטן גוטן פֿרײַנט, וועלכער האָט געוווינט אַ פּאָר הונדערט טריט פֿון זיי.

— בעסטער פֿרײַנט מײַנער, האָט ער געזאָגט, — איך בין צו דיר מיט אַ בקשה געקומען, טו מיר די טובֿה: אויף אונז איז אָנגעפֿאַלן דער פֿאַלשער פֿוקס און וויל פֿאַרנעמען אונזער נאָרע. איך בעט דיך, לאָז אַרײַן מײַן ווײַב און קינדערלאַך צו דיר אין דירה אויף אַ קורצער צײַט.

— איך דאַנק דיר זשרר פאַר אזא זאַך! אויב איר וועט צו מיר אַריבער, וועט נעמט אײַך אַריבער אויך דער פוקס, און וועט אויפעסן ביידע געזונדלאַך — מײַנע מיט דײַנע. מער פעלט מיר נים! ניין, אויף מיר פאַרלאָזט זיך נים, גייט בעסער בעם מײַן שכן, וועלכער וואוינט דאָרט, בײַם ווילדן ווײַנשטאָק; זײַן נאָרע איז זעהר א טיפע, ער וועט דיך מסתּמא אַרײַנלאָזן.

פוכערל איז נים איננאַנצן צופרידן געווען מיט אַזא ענטפער, ער האָט אָבער גאָר נישט געקאָנט מאַכן און איז אוועק צום שכן, וואָס בײַם ווילדן ווײַנשטאָק.

נאָר קוים האָט פוכערל אים זײַן בקשה אַרויסגעזאָגט, האָט יענער אָנגעהויבן שרײַען:

— עס איז אומגליקלאַך, מײַן הער, אומגליקלאַך! אונז איז אַזוי אויך ענג מיט אונזערע פינף קינדערלאַך. וואָס וועט נאָך זײַן, אז איר וועט זיך צו מיר אַרײַן קלויבן?

— אָבער...

— אז איך קאָן אײַך גאָר נים העלפן. גלויבט מיר עס איז מיר נים גרינג אײַך אָפּצוזאָגן, נאָר...

פוכערל האָט שוין ווײַטער נים געוואָלט הערן.

מיט גרויס יאוש און כּעס איז ער אוועק צוריק אהיים.

און דער פוקס גראָבט און גראָבט און קומט אַלץ נאָהענטער צו די קליינע קראָליקלאַך.

— שטעל זיך פאָר, אַלע האָבן מיר אָפּגעזאָגט. — שלעכטע, בייזע קראָליקעס, אָן הערצער זײַנען זיי!

— פּטר נים, מײַן מאַן, קײן צײַט אויף רייד. וועסט דער מיט גאָר נים העלפן! האָט פעבערל געזאָגט, גייט זיך בעסער

דורך צום לייב און דערצעהלט אים פון אונזער אומגליק. אפשר וועט ער אונז עמיצן שיקן צו הילף.

— איך ווייס דען וואו דער לייב וואוינט?

— אקוראט אין מיטן וואלד; און וועג קענסטו פרעגן ווי אזוי מען קומט צו אים. אזא באוואוסטע חיה ווי דער לייב איז ניט שווער צו געפינען.

— אבער ביז איך וועל צוריק קומען וועט דער פוקס אויפפרעסן אונזערע קינדערלאך.

— דערפאר האב קיין מורא ניט; איך וועל אונזער נארט נאך טיפער אויסגראבן, און ניט אזוי גיך וועט ער צו אונז צו־קומען.

— וועל איך זיך לאזן אין וועג ארײן מאקע היינט אויף דער נאכט.

III.

די נסיעה איבערן וואלד.

ווי נאר די לבנה האט זיך באוויזן אין הימל, איז פויגעל ארויסגעשפרונגען פון זיין נארט און מיט מסירת־נפש זיך א לאז געטאן אין געדיכטן וואלד ארײן.

ניט גרינג איז פויגעלען געווען צו פליען דורכן פינסטערן וואלד. ער האט געקענט ארײן אין די לאפעס פון וועלף און פוקסן און אויפגעפרעסן ווערן. ער האט זיך אויך געדארפט היטן פון די דרייסטע סאווען, פאר די מארדער מיט די לאנגע עקן און שנייוויסעלאך מיט די שפיציקע מארדעשקעס.

איז פּובערל געלאָפֿן גאַנצע צוויי שעה, קיין מינוט ניט אָפּ־גערוהט. ער איז איבערגעלאָפֿן דעם פֿיכטענוואַלד, דערנאָך דעם דעמבענים, און איז ענדלאַך אַרויסגעלאָפֿן אויף אַ לאָנקע, אַ באַשאָטענע מיט אַלערליי בלימעלאַך.

אין מיטן דער לאָנקע איז געווען אַ הויז און מיט זיין דאַכ־קע דאָס פֿיסקעלענצריינקס.

— אַ גוטן אָוונט, גוטער ברודער, — האָט פּובערל זיך אָנגערופֿן, — קענט איר מיר ניט אָנווייזן דעם וועג וואו עס וואוינט דער לייב?

— וואָס וואוינט דער לייב? גלייבט מיר, ברודער, אַז איך בין דאָרטן קיינמאָל ניט געווען. נאָר געהערט האָב איך פֿון מיין זיידן, וועלכער האָט זונגערהייט פֿיל נסיעות געמאַכט, אַז דער וועג צו אים גייט גלייך מיט דעם סטעשקעלע פֿאַרביי די אַלטע דעמבעס. נאָר לויפֿט ווי ווייט מעגלאַך גיכער — ביז די זון וועט אויפֿגייען. דאָרטן וועט איר דערזעהן לינקס אַ גרויסן זומפּ. וועט איר זיך אָפּשטעלן און פֿרעגן וואַיהין ווייטער צו געהן.

— איך דאַנק אייך זעהר.

— אַט וואָס: אַז איר וועט זעהן דעם לייב, בעט אים, ער זאָל אויפֿעסן באַטש עטלאַבע יענער, פֿון די, וואָס געהען אַרום איבער די פֿעלדער און שיסן אין אונז. —

— גוט, כ'וועל אים בעטן, אַ גוטן!

ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט פּיבערל דערזעהן דעם זומפּ, פֿון וועלכן דער האָז האָט אים געזאָגט. ביי די ברעגן איז געזעסן און געקוואַקעט אַ גאַנצע מחנה זשאַבעס. דערזעהן

דעם קראָליק זײַנען אָט די אַלטע העלדישע באַשעפענישן ניך אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער. דערנאָך האָבן זײ זיך ווידער באַוויזן פֿון אויבן אַ קוק מון אויף יענער חיה מיט די קײַלעכדיקע אויגן, וואָס האָט זײ אַזוי איבערגעשראָקן.

פּוּבערל האָט, ווײַזט אויס, ניט אַזוי שרעקלאַך אויסגעזען, ווײַל איין אַלטע זשאַבע האָט געפּועלט בא זיך אַרויסקריכן פֿון וואַסער.

— געערטע זשאַבע! — האָט זי דער קראָליק אַ פרעג געטאָן, קוים באַפּענדיק דעם אָטעם פֿון מידקייט, — וואו איז דער וועג צום לייב'ס וואוינונג? זאָגט מיר, איך בעט אײַך.

— וואַרט אַביסל, לאָזט זיך דערמאָנען. אַהער איז פֿיל מאָל אַ דראָסל אַראָפּגעפֿלויגן טרינקען וואַסער און איך האָב, דאַכט זיך פֿון איר געהערט ווי אַזוי מע קען קומען צום לייב. מע דאַרף פֿריהער דורכגײַען די גרויסע לאָנקע, און ווי אַזוי ווײַטער געהן געדענק איך שוין ניט.

פּוּבערל איז שטאַרק מיד געווען פֿון וועג, נאָר ער האָט אפילו איין מינוט ניט געפּרובט אָפּרוהען. ער האָט ניט געדענקט פֿון דער סכּנה וואָס רוקט זיך אָן יעדער מינוט אויף זײַן ווײַב און קינדער און דאָס האָט אים צוגעגעבן נײַע כּוחות.

ער האָט גלײַך אַ שפּרונג געטאָן פֿאָראויס און—איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די געדיכטע פּיכטן-בוימער. ○

— ע, הער קראָליק! האָט איר נאָכגעשריגן די זשאַבע, — אויב איר וועט זעהן דעם לייב, בעט בײַ אים ער זאָל אונז אויסלייזן פֿון די הויזשלאַנגען; זײ פרעסן אונז אויף נאָר אָן רחמנות.

נאָר פּוּבערל איז שוין געווען ווײַט. ער איז געפֿלויגן ווי

א ווינט, און איז גיך געקומען צו דער גרויסער לאנקע. נאר אויך דא האט ער זיינע טריט ניט קלענער געמאכט. ער האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף דעם דינעם הויכן גראז, בלויע גלעקלאך, רויטע נעגעלאך און גאלדענע קרינעלאך, וועלכע האבן זיך אונטער זיינע פיס געבויגן צו דער ערד.

פון יענער זייט לאנקע האט זיך ווידער דער וואלד אנגע־הויבן, א גרויסער וואלד אן א סוף.

פיבערל האט זיך אויף א וויילע אפגעשטעלט און דער־זען אויף א צווייג פון א בוים א סאלאוויי.

— סאלאוויי, דו זילבערנער זינגער! האט ער קרעכצנדיק געזאגט. — ווייז מיר דעם וועג וואו דער לייב וואוינט.

— דער לייב וואוינט אקוראט אין מיטן דעם וואלד, וועלכן איר זעהט איצט פאר אייערע אויגן.

— ענדליך בין איך מאקע געקומען — האט פיבערל אויס־געשריען. — איך דאנק דיר זעהר, מיין ליבער, טייערער סא־לאוויי!

— איר ווילט זעהן מיטן לייב?

— יא.

— האב איך צו אייך א בקשה: זאגט אים, איך בעט אייך, ער זאל דורכטרייבן פון וואלד אלע קאבעייקעס מיט די האר־ניילן, איר וועט מיר די גרעסטע טובה טון דערמיט.

— מעגסט זיך אויף מיר פארלאזן, איך וועל דיין בקשה ניט פארגעסן.

IV

אין וואַלד בײַם לײב.



— אַ ווײַלע האָט פֿיבערל געקוקט אײבן וואַלד. וואָס איז גע־
שטאַנען פֿאַר זײַנע אויגן: אין וואַלד זײַנען הונדערט־יעריקע
דעמבעס געוואַקסן, גרויסע ביכנבוימער, בעריאָזעס מיט ווײַסע
שטאַמען. די אַלע בוימער זײַנען געווען ווי צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט
זייערע צווײַגן. אַרום די בוימער האָבן זיך געשלענגלט דיקע,
לאַנגע שלענג־פּלאַנצונגען, און גרויסע שטאַמען זײַנען פֿאַר־
שטעלט געווען מיט געדיכטע שטרויכן, צו וועלכע עס האָט זיך
נאָך קײן מענטשנס־האַנט ניט צוגערירט.
— ניט פֿיל טראַכטנדיק האָט פֿיבערל אָנגעהויבן זיך דורכ־
שטופּן דורך די שטעכנדיקע צווײַגלאַך און בלעטער, וואָס

האָבן די גאַנצע ערד און וואַלד באַדעקט, און אַזוי איז ער גע־
גאַנגען בא א האַלבער שָעה.

פּלוצלינג איז ער מיט אַמאָל שטעהן געבליבן. ער האָט
דערהערט א מאָרא׳דיקן געשריי, ענליך צו א דונער.

ציטערענדיק מיטן גאַנצן גוף האָט ער זיך באַהאַלטן אין
לאָך פון א מוילוואורפס נאָרע, אונטער א גרויסער בעריאָזע.

אין סאַך קענען אים האָט זיך באַוויזן א רינגקדויזן באַר־
דיגע פון א מייזעלע.

— וואָס איז מיט איך, אָרימער קראָליק? — האָט אים א
פרעג געטאָן דאָס שעניקע נאָגערל.

— וואָס מיט מיר איז? איר האָט דען גאָר ניט געהערט?

— א, דער דונער, דאָס מיינט איר?

— געוויס.

— דאָס האָט זיך דער לייב אויפגעכאַפּט און באַגריסט
מיט זיין ברומען אַלע חיות.

— דער לייב? אָך, ווייט מיר אים אָן, איך בעט איך!

— דאָס איז ניט שווער. ניט א קוק אהער צווישן די צוויי
פראַס־בלעטער.

פּוכערל האָט א קוק געטאָן און דערזעהן א הייל. ביים
אַריינגאַנג פון הייל איז געזעסן א גרויסער לייב. דער אָרימער
קראָליק האָט אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן לייב. ער האָט
געקוקט אויפן לייב, אויף זיין ברייטער קאָפּ, ווי עס האָבן גע־
פינקלט צוויי מורא׳דיקע אויגן, אויף די געדיכטע האַרטע האָר,
וואָס האָבן באַדעקט זיין האַלז, און אויף זיינע גרויסע לאַפּעס
מיט די לאַנגע שפּיציקע נעגל.

פארן לייב זיינען אין א האלבן קרייז געלעגן אלערליי חיות: פריהער פאר אלעמען א טיגער, א העלפאנט, א פאנטערא, א יאגואר; נאך זיי א בער, א לעמפערט, א וואלף, א ווילדער־חזיר, א היענע און א שאקאל.

ו

א גוטע עצה.

— און שטעלט זיך פאר, האט פיבערד שטיל ארויסגערעדט אז מיר וועט נאך אויסקומען געהן רעדן מיט אים.

— ווי? וואס? האט דאס קליינע מייזעלע א פרעג געטין. — איר וועט רעדן מיטן לייב? גאט מייגער, צוליב וואס האבט איר עס?

דער קראליק האט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט דעם מייזעלע פון זיין אומגליק.

אז ער האט געענדיקט, האט אים דאס מייזעלע ווידער א פרעג געטין מיט איר דין קולכל:

— אָרימער קראליק! אבער וואס פאר א שייכות האט דאס אלץ מיטן לייב?

— וואס הייסט? ער איז דאך שטארקער פון אלע חיות און אלע מוזן אים פאלגן!

— געווים איז ער שטארקער, און דערפאר קען ער אויך פרעסן וועמען און ווען ער וויל, און קיינער וועט קיין קשה ניט האבן זיך שטעלן אנטקעגן, ווייטער איז ניט זיין געשעפט. און אז דער פוקס וועט אייערע קינדערלאך דערשלינגען וועט עס אים גאר גאר ניט ארן.

— אָבער..

— נו, לאָמיר אפילו קלערן, אז ער וועט אייך אויסהערן און וועט באשטימען אייך העלפן, אויב איר וועט נאָר קענען צוקו־מען צו אים. איז דאָס אָבער מעגלאך? וועט איר נאָר דעם ערשטן טריט טון וועט אייך אויפפרעסן דער וואָלף, און אויב איר וועט ניצול ווערן פון אים, וועט אייך דער בער פארציקן, און אויב אייך וועט דורכלאָזן דער בער, וועט איר אומקומען פון אנדערע נעגל.

— און מיינע קינדער, מיינע טייערע קראַליקלאך? האָט דער אומגליקליכער קראַליק א געשריי געטון. — איך וויל דאָך פאָרט ראטעווען מיינע קינדערלאך; עס מעג מיך אפילו דאָס לעבן קאָסטן, נאָר צוקומען צום לייב מוז איך!

— וואָס פאר א נארישער דו ביזט, פוכערל, — האָט אים דאָס מייזעלע איבערגעשראָקן. — וועט דען דיינע קינדער בע־סער ווערן אז מע וועט דיך אויפפרעסן?

— ניין פארקערט.. וואָס זשע דען זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון?

— נים פארזוימען קיין איין מינוט און זיך באלד אומקערן אהיים. איידער פטרן ציים און בעטן היקף ביי שכנים, פריינט אדער ביים לייב איז בעסער פרובן זיך אליין ארויסהעלפן פונם אומגליק. דאָס איז גרייכער און ריכטיגער.

— מיר דאכט זיך, אז דו ביזט מאקע גערעכט, מייזעלע.

— פאָלג זשע מאקע מיך, דאָס איז גלייכער און בעסער פאר דיר. נו, אצינד לויף געשווינד צו דיין נאָרע.

פוכערל האָט זיך לאנג נים געלאָזט בעטן; ער איז אוועק

געשפּרונגען צוריק אהיים אזוי גיך, גלייך ווי א מחנה הינט וואָלטן זיך נאָך אים געיאָגט.

VI.

צוריק אהיים.

א גאנצן מעתדלעת איז פֿובערל געלאָפֿן, און א האלב מיטער פֿון הונגער, א מידער, און אויסגעמאטערטער, און אויסגעמוטשעטער פֿון דאגות פֿאר זיינע קליינינקע פֿובערלאך האָט ער זיך אין זיין וואָרע אויסגעקערט דורכן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך ביים ושאסטין־שפּרויך אָנגעהויבן.

זיין ווייב און זיינע קינדערלאך האָט ער געפֿונען געזונט. שמעלט זיך פֿאָר ווי דערפֿרעדם האָבן זיך אלע, אז זיי האָבן דערזעהן איינע די אנדערע — ווי זיינען געווען מלא שמחה.

צום אומגליק האָבן זיי זיך לאנג פֿרעהן ניט געקאָנט.

— נו, וואָס?—האָט פֿעבערל א פֿרעג געטון. — וואָס הערט זיך מיט אונז?

— דאָס זעלבע וואָס פֿריהער.

— עס קאָן ניט זיין!

— אוי וועה! עס איז פֿאָרט אזוי!

און פֿייבערל האָט דערצעהלט אלס, וואָס מיט אים האָט פּאסירט. ער האָט אויך איבערגעגעבן די ווערטער פֿונם מייזעלע.

— הייסט עס, אז דו האָסט אונז געבראכט נאָר איין עצה. אָבער די עצה געפעלט מיר שטארק, און מיר וועלן זיך מאקע פרובן עפּעס צו טראכטן.

— עס איז גרינג צו זאָגן, אָבער ווי אזוי וועלן מיר עס טון?

— הער זשע מיט קאָפּ: דו זעהסט דאָך, אז אין דער צייט וואָס די ביזט אין ווינג געווען האָב איך ניט געדרימלט: גאנצע טעג האָב איך אונזער נאָרע געגראָבן, אזוי אז דער פוקס וועט ניט אזוי גיך צו אונז צוקומען. חוץ דעם, געהענדיק איינמאָל נאָכן עסן האָב איך גוט באטראכט דעם אריינגאנג דורך וועלכן דער פוקס גראָבט זיך, און האָב באמערקט, אז דער שטיין האָט זיך שטארק אָנגעבויגן איבערן לאָך פונם קאָרידאָר.

— נו. איז וואָס?

— דאָס, וואָס מע דארף אביסל אונטערגראָבן די ערד אונטערן שטיין, וועט ער איינפאלן און פארדעקן דעם לאָך.

— וועט ער דאָך אונז צוקוועטשן!

א האָר ניט.

— איך פארשטעה עפּעס ניט..

— גאָר פּשוט. דער פוקס קומט נאָר ביינאכט, א גאנצן טאָג קענען מיר גראָבן די ערד אונטערן שטיין ביז ער וועט זיך אָנהויבן וויגן. וועלן מיר זיך דעמאָלט אהיים אומקערן, און ווען דער פוקס וועט נאָר קומען, וועלן מיר שטילערהייד ארויסגעהן פון נאָרע דורך אַן־אנדער קאָרידאָר און ביידע מיט אמאָל א שפּרונג טון אויפן שטיין, וועט ער אומפאלן, און אונזער שונא, דער פוקס, וועט בלייבן אינווייניק אין קאָרידאָר, וואָס וועסטו זאָגן דערויף?

— איך וועל זאָגן, אַז דו ביזט אַ גרויסע חָכְמָה און מאָרגן גאַנץ פריה נעמען מיר זיך צו דער ארבעט

VII

די גזלנ'טע איז באשטראָפט.



אויף מאָרגן האָבן פוכערל און פעכערל פלייסיק געארבעט ביז אויף דער נאכט, און ווען דער שונא איז געקומען, האָט זיך דער שטיין געשאָקלט פון דעם קלענסטן ריר.

דער פוקס האָט נאָר נישט באמערקט, און איז אריין אין קאָרידאָר אונטער דער ערד, ווידער צו טאָן זיין ארבעט.

פֿוכערל און פֿעכערל האָבן נאָר אויף דעם געוואַרט. ער איז אַרויס מיט זײַן ווײַב פֿון נאָרע, און ביידע זיינען אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן שטיין און אָנגעהויבן טאַנצן. דער שווערער שטיין האָט זיך אַרײַן מערער און מערער אָנגעבויגן איבערן לאָך. דערווײַל האָט דער פֿוקס דערהערט א גערויש. האָט ער זיך געכאַפּט אַרויסגעהן פֿון לאָך. און אַקוראַט אין דער רגע ווען ער איז גרייט געווען אַנטלויפֿן, איז דער שטיין אַראָפּגעפֿאַלן גלײַך אים אויפֿן עק, אויפֿן שענעם פֿילהאָריקן עק.

ער האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און א געשריי געטאָן פֿון וועהטאָג.

— אהא! האָט פֿוכערל אויסגעשריגן. — גנב, גזלן, האָסט זיך געפּאַקט! וואָס ווילסטו איצט זאָגן? א יאַ, ניט שלעכט צוגעטראַכט? איצינד העלף זיך אַליין, ווי דאָס קליינע מײַזעלע זאָגט.

דער שטיין איז אָבער געווען זייער א שווערער. אומזיסט האָט זיך דער פֿוקס געריסן אויף אַלע זײַטן, נאָר ער האָט זײַן צונעקוועטשטן עק ניט געקענט אַרויסשלעפּן. צום סוף האָט ער מוזן לאָזן בײַ א שלעכט נעמען און האָט זיך פֿרײַ אַרויסגעריסן. געבליבן איז נאָר אונטערן שטיין א היבשער שטיק פֿון זײַן עק. דער שטיין האָט אים בשום אופן ניט געוואָלט באַפֿרײַען.

א פֿוקס איז נישטאָ ערגער ווי בלײַבן אָן אן עק, — דאָס איז בײַ אים דער גרעסטער בזיון, דעריבער איז אונזער פֿוקס אינגאַנצן אוועק פֿון דעם וואַלד וואו פֿוכערל האָט געוואוינט און האָט זיך שוין קיינמאָל אַהער ניט באַוויזן.

און פֿוכערל מיט פֿעכערלען מיט זייערע קליינינקע קינ-

דערנאך האָבן רוהיק און גליקליך ווײַטער געלעבט אין זייער נאָרע.

און אז עס איז געקומען דער אָסיען, האָבן זיי זיך אלע אינאײנעם געשפילט בײַ דער שײַן פון דער לְבָנָה אינ'ם הויכן שטעקענדיקן גראָז.

פארלאג „בימעלאך“ אדעס.

קינדער־ליטעראטור.

1 № מענדעלע מוכר ספרים. הערשעלע (2 טע אויפלאגע).
2 № יהודה שטיינבערג. — די שטאט שוועדנים.
3 № " " — ברודערל און שוועסטערל.
4 № " " — דער מאלער.
5 № ב. שאפיר — א קליין־מענטשעלע.
6 № ד. ב. סמאליאר — דריי פרינצן.
7 № מאקס־נארדוי — די קרומע שוועסטער.
8 № י. רובין — דער קאצן־מלך.
9 № דער טונקעלער — די קארליקלאך און דער ציגיינער.
10 № אברהם רייזין — די נייע לאמפע.
11 № מאטין ביבירוטק — דער העלדישער האן.
12 № " " — דאס גרויע העזל.
13 № שרה רייזין — דער האן און דאס ביצל.
14 № ו. ראזענטאל — לידעלאך.
15 № דער טונקעלער — דער פורים בער.
16 № ק. ליקאטשעוויטש — א רעטאך א פראטלער.
17 № ד. מישארני — די פארכשופטע קרעטשמע.
18 № מאקס נארדוי. — קאפ וואסערל.
19 № שרה רייזין — דער בער און דעם ישובניקס דריי טעכטער
20 № וש. סאבאן — פוכערל און פעכערל.

אויסשליסלעכער פארקויף אין ביכער־לאגער פון קיעווער קולטור־ליגע.

אדרעס: קיעוו, גרויס־וואסילקאווער גאס, 48.

אדרעס פון „בימעלאך“: אדעס, פראאיזקע 43, וואוינונג 10